


בסייעתא דשמיא

אידיש

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב״ר נחמן מיכאל נחמני זלה״ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - ׳בני חיי ומזוני׳.

בא תשפ״ג • זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות • גליון 296

## אמרות שמשון

### מכת ארבה ווייזט אן אויף די גרעניצן • ארבה קומט אן צו אידישע וואוין ערטער • ׳ראו כי רעה נגד פניכם׳ • משה רבינו שרייבט דאס נאר בדרך רמז

**כִּי אִם מָאֵן אַתָּה לְשַׁלֵּחַ אֶת עַמִּי הִנְנִי מֵבִיא מָחָר אַרְבֶּה בִּגְבֻלֶךָ** (י, ד): עס ווערט געברענגט אין ׳מדרש׳ (שמו״ר יג, ד), **בִּגְבֻלֶךָ - ולא בגבול בני חם. ועל זה נאמר** (ישעי׳ כו) **כִּי כַּאֲשֶׁר מִשְׁפָּטֶיךָ לָאָרֶץ צֶדֶק לָמְדוּ יֹשְׁבֵי תֵבֵל.** די מכה פון ׳ארבה׳ איז נאר געווען אינערהאלב די גרעניצן פון מצרים.

**פירט** אויס דער ׳מדרש׳, פון די מכה האט מען געקענט זען גענוי וואו עס ענדיגט זיך די גרעניצן פון לאנד מצרים, און וואו עס פאנגט זיך אן די גרעניץ פון בני חם.

**שטעלט** זיך די קשיא, מיט וואס איז ׳מכת ארבה׳ אנדערש פון אלע אנדערע מכות ביז אַהער? ביי אַלע מכות וואס זענען געקומען פאַר מכת ארבה האט מען דאָך אויך געקענט זען וואו די גרעניצן זענען. א שטייגער ווי מכת צפרדע, כינים, ערוב, וואס מען האט אויך געקענט זען ביז וואו די מכה האט זיך פארשפרייט.

**אויב** אזוי פארוואָס נאָר ביי מכת ארבה זאגט דער אויבערשטער אז מען וועט קענען זען די גרעניצן פון מצרים?

**דער** תירוץ איז, ביי אלע אנדערע מכות האט מען נישט געקענט זען מיט א פּונקטליכע קלאָרקייט די גרעניצן פון מצרים, וויבאַלד אידן האבן דאך אויך געוואוינט אין מצרים, און אלע מכות (צפרדע, כינים, ערב), זענען נישט אָנגעקומען צו זייערע שטעט. דעריבער האבן די מכות נישט געדעקט גענצליך דאס גאנצע לאנד מצרים.

**אבער** ביי די מכה פון ארבה, איז אויך מיט געקומען געוויסע כשר׳ע היישעריקן, וואס זענען אויך אנגעקומען אין די אידישע וואוין ערטער, כדי די אידן זאלן קענען הנאה האבן און עסן פון די היישעריקן.

**ווי** פארשטייט זיך, די היישעריקן זענען נישט געקומען אויף א גרויסע פארנעם, אזוי ווי עס איז געקומען צו די מצרים, וואס דאס איז א סימן קללה. אבער עס איז אויך אנגעקומען צו די אידן כדי זיי זאלן דאס קענען עסן.

**דעריבער** איז דאס געווען די איינציגסטע מכה וואס האט זיך געצליך אויסגעשפרייט איבער די ׳גאנצע׳ לאנד מצרים. צוליב דעם האט דאסווירקליך אנגעוויזן די גרעניצן פון מצרים, וויבאלד די היישעריקן זענען נישט אנגעקומען אינדרויסן פון לאנד.

◆ ◆ ◆

**מיט** דעם קען אריינטייטשן אין פסוק, פארוואס דוקא ביי די מכה פון ארבה האט פרעה געזאגט פאר די אידן (י, י), **׳ראו כי רעה נגד פניכם׳?**

**וויבאלד** ער האט געהערט אז די מכה איז אויך אנגעקומען צו די אידישע וואוין ערטער. טראץ וואס עס איז אנגעקומען נאָר אַביסל, האט פרעה געהאלטן דאס איז א ׳סימן קללה׳. דעריבער האט פרעה געזאגט - ׳ראו כי רעה נגד פניכם׳ - די מכה קומט אויך אויף ענק, צו די ערטער ווי ענק געפונען זיך.

◆ ◆ ◆

**מיט** דעם קען מען ערקלערן פשט אין די ווערטער פון ׳מדרש׳ (שמו״ר יג, ה), אויפן פסוק (י, ב), **וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ.** דער אויבערשטער האט פאָראויס געזאגט פאר משה רבינו אז עס גייט קומען אויף מצרים די מכה פון ארבה. אבער משה רבינו האט נישט ארויסגעשריבן קלאר וואס די מכה איז געווען, נאר מרמז געווען מיט די ווערטער ׳ולמען תספר באזני בנך׳.

**די** סיבה דערפון איז געווען, וויבאלד די מכה איז אויך געקומען אויף די אידן, (פארשטייט זיך עס איז נאר געווען לטובה, און האט גארנישט געשעדיגט), אבער וויבאלד עס האט אויסגעזען ווי א ׳סימן קללה׳, האט דאס משה רבינו בלויז מרמז געווען אין די תורה און נישט קלאר ארויסגעשריבן. (פרשתינו אות א׳)

לומדים זרע שמשון וזוכים לישועה.



לפרטים ולתרומות:
ארה״ב 347-496-5657
א״י 02-80-80-500

הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

לברכה והצלחה
צבי יצחק דוב בן גיטל חיה זוג׳ מרים סאבל בת אסתר ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים

׳קול זרע שמשון העולמי׳
ארץ ישראל 02-80-80-600
ארה״ב 716-229-4808
לונדון 0333-300-2515
ניתן להקדיש שיעורים לזכות לברכה ולעילוי נשמת

תורמים ונושעים
ארץ ישראל 02-80-80-500
ארה״ב 347-496-5657
או באתר: www.zerashimshon.co.il
קחו חלק בהפצה העולמית הנרחבת

לברכה והצלחה
שאול בן רחל
להצלחה וברכה בלי גבול ומדה
בלי שום טירדות והפרעות

# גבורת שמשון
## סיפורי ישועה

עס האט פארציילט **הרב יעקב בערגער** שליט"א
מראשי האיגוד העולמי להפצת תורת זרע שמשון:

# א גרוס פון די ווייטע אריזאנע

**פאלגנד** וויל איך אייך פארציילן א אינטערעסאנטע עפיזאד וואס האט זיך אפגעשפילט זייענדיג אויף א נסיעה צו קברי צדיקים אין אייראפע.

**איך** בין געשטאנען אין לופטפעלד, ווארטנדיג צו כאפן א פליגער צו פארן ווייטער אויף מיין וועג, און אזוי ווי ביי יעדע רייזע וואס א איד נעמט מיט זיין טלית און תפילין מיט עטליכע ספרים, האב איך אויך מיטגענומען מיט מיר עטליכע בלעטער פון דער הייליגער ספר זרע שמשון, כדי צו קענען לערנען דערפון אין א רואיגע מינוט, און עוסק זיין אין די הייליגע תורה פונעם זרע שמשון.

**און** ווי פארשטייט זיך האב איך אינזין געהאט, אז דאס זאל מיר זיין לשמירה ולהצלחה אז די נסיעה זאל פארן געשמירט און עס זאל זיך נישט מאכן קיין פראבלעמען בס"ד.

**שטייענדיג** איפן שורה ווארטנדיג אריינצוגעבן מיינע רענצלעך, האב איך ארויסגענומען א בלעטל פונעם זרע שמשון, און אנגעהויבן צו לערנען אביסל דערפון.

**נעבן** מיר איז געשטאנען א איד, וועלכע האט מיר אויסגעזען ווי א פרומע איד, אבער גלייכצייטיג האב איך פארשטאנען אז ער וואוינט נישט ערגעצוואו אין די היימישע געגענטער אין אמעריקע.

**איך** האב באמערקט ווי דער איד קוקט אויף מיר, און זיינע בליקן זענען געפאלן אויף די בלעטל וואס איך האב געהאלטן אין האנט.

**אזוי** ווי צוויי אידן וואס טרעפן זיך אין די פרעמד, נאך געציילטע מינוטן האבן אונז אנגעהויבן צו שמועסן איינע מיטן צווייטן, ווי צוויי אלטע פריינד, און ער פארציילט מיר אז ער וואוינט אין די ווייטע אריזאנע.

**אזוי** אויך פארציילט ער מיר, אז טראץ וואס ער איז נישט אזוי יונג, האט ער נאכאלץ נישט געטראפן א שידוך, און ער וויל וואוינען דוקא ווייט אוועק פון די רוישיגע ניו יארק. עס האט מיר גלייך אריינגעבליצט אין קאפ, אפשר זאל איך אים פארשלאגן צו לערנען דער ספר המסוגל 'זרע שמשון', אז עס זאל אים זיין פאר א סגולה צו געהאלפן ווערן מיט א שידוך.

**איך** ווייז אים די צעטל אין האנט, און איך געב אים א פרעג: "האט איר שוין אמאל געהערט פון דער ספר זרע שמשון"?

**און** ער פאנגט מיר אן צו פארציילן: "דו ווילסט איך זאל דיר זאגן ווער דער זרע שמשון איז? לאמיר דיר פארציילן וואס איז ווייס צו זאגן איבער דער זרע שמשון!".

**און** דער איד פארציילט מיר, אז דארט ווי ער וואוינט אין אריזאנע איז דא א וועכענטליכע שיעור אינעם ספר זרע שמשון, און ער באטייליגט זיך יעדע וואך ביים שיעור.

**און** ער האט צוגעלייגט א אינטערעסאנטע מעשה ווי אזוי דער שיעור איז געגרינדעט געווארן:

**"דער** שיעור גייט שוין אן פאר עטליכע יאר, עס איז אויפגעשטעלט געווארן מיט אפאר יאר צוריק, דורך א איד פון אונזער קהילה, וואס איז ל"ע דיאגנאזירט געווארן מיט יענע מעשה רח"ל, די דאקטורים האבן אים געגעבן זייער שוואכע שאנסן אז ער זאל דאס קענען אריבערמאכן לעבעדיגערהייט, זיי האבן אים פארגעשלאגן אז עס לוינט זיך אים נישט אנצוהייבן די פיינפולע טריטמענט'ס, ער זאל ענדערש אהיימגיין צו זיין ווייב און קינדער, און פארברענגען מיט זיי די לעצטע פאר חדשים וואס איז אים נאך געבליבן צום לעבן.

**אבער** א איד איז זיך קיינמאל נישט מייאש, ער האט זיך געשטארקט מיט אמונה אין בטחון, און זיך מתחזק געווען מיט תפילה און קבלות טובות, און געדאווענט אז דער אויבערשטער זאל אים שיקן א גאנצע רפואה.

**איינע** פון זיינע ידידים וואס וואוינט אין ניו יארק, איז אים געקומען באזוכן און מבקר חולה זיין אין אריזאנע, און האט אים מיטגעברענגט א מתנה דער ספר 'זרע שמשון', און אים מסביר געווען איבער די גרויסע סגולה פון לערנען דער ספר.

**דער** איד האט דאס אנגענומען זייער ערנסט, און האט אנגעהויבן צו לערנען זרע שמשון, און האט אויך צאמגעשטעלט א שיעור איין מאל א וואך ביי אים אינדערהיים.

**עס** האט זיך אנגעהויבן א שיעור מיט דריי משתתפים, אבער מיט די צייט האט זיך עס פארברייטערט מיט העכער פופצן קביעות'דיגע משתתפים יעדע וואך. און אזוי איז שוין דער שיעור ממשיך פאר א שיינע פאר יאר ביי יענער איד אינדערהיים, און ער שטעלט צו יעדע וואך לייכטע איבערבייס פאר די משתתפים.

**פארציילט** ר' יעקב שליט"א: ווען דער איד האט פארענדיגט פארציילן די מעשה, האב איך אים געפרעגט איידלערהייט, "ווי אזוי שפירט דער איד וואס האט אויפגעשטעלט דער שיעור?"

**"אה...** איך האב נישט געכאפט איך דארף דיר דאס זאגן..." - זאגט דער איד מיט א פשטות - "וואס מיינסטו איז געשען מיט אים? זיכער איז ער געווארן געזונט, און די שיעורים זענען ווי א הכרת הטוב צו דער גרויסער צדיק, וואס בזכות אים איז ער געהאלפן געווארן מיט א רפואה שלימה..."

**נאכן** ענדיגן זיינע ווערטער איז שוין געווארן שפעט, אונז ביידע האבן זיך שוין געמוזט שיידן יענער איינער אויף זיין וועג, אבער פאר א לאנגע צייט בין איך נאך געבליבן אונטער די רושם, ווי אזוי דער הייליגער זרע שמשון איז אנגעקומען ביז די ווייטע אריזאנע צו פועל'ן ישועות פאר כלל ישראל, און ווי שטארק עס איז די אמונה פשוטה ביי אידן אז 'צדיק גוזר והקב"ה מקיים', זי"ע.


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדן צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204 mbpaskesz@gmail.com 347-496-5657

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, וישפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו